בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראֹש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא - פָּרָה**

**292**

**תשפ"ג**

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קֶען אִיךְ נָאךְ צוּרִיקְבַּאקוּמֶען אַ נָארְמַאלֶע גֶעזוּנְטֶע מֹחַ?..........................א

זָאל אִיךְ הֶעלְפְן אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם שַׁמָּשׁ פוּן שׁוּל?..........................ד

אִיךְ וִויל זַיין וואוֹיל, וָואס טוּט מֶען אַז דֶער מַאן הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי?..........................ו

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ לָאזְט נִישְׁט הָאבְּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאכְן אִינְדֶערְהֵיים?..........................ח

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעהֶערִיג טְרִינְקֶען וַויין אוֹם פּוּרִים?..........................י

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים פוּן שַׁבָּת זָכוֹר?..........................יא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֶר'טֶע..........................א

חֶסֶד הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער..........................א

אִיךְ וִויל דִיר שִׁיקְן מַיינֶע טְרֵייסְט וֶוערְטֶער..........................ב

אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ מְלַמְדוּת..........................ב

מֶען דַארְף גֵיין צוּ דִי מַאן'ס עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם..........................ג

שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ וֶועט בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת..........................ד

זַייִן נִישְׁט צוּפִיל מִיט אִידְן וָואס הִיטְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּמִצְווֹת..........................ד

מֶען דַארְף טוּן, אוּן וִויפִיל מֶען קוּמְט אָן אִיז גוּט..........................ה

אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן קָאפּ דִי זַאךְ פוּן זִיךְ גֶטְ'ן..........................ה

וִוי לַאנְג עֶס אִיז נִישְׁט קֶעגְן דִי הֲלָכָה, טוּט מֶען אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם בַּיִת..........................ו

נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּהַאלְטְן דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן אָן דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן..........................ח

זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה..........................ט

מֶען זוּכְט אַ דִירָה וואוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ..........................י

גֶענוּג זִיךְ אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט ......... י
אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, קֶענְסְטוּ אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען ......... יא
אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל ......... יד
דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, קוּמֶען צָרוֹת אוּן נֵייעֶ גְזֵירוֹת ......... יז
הֶעלְף מִיר טַאטֶע! נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע! ......... יח
הָאסְט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, אָבֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְלִיר נִישְׁט ......... יט
נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אֲפִילוּ מִיט דִי דוּרְכְזִיכְטִיגֶע ......... יט
יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר דִי יְשִׁיבָה אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת ......... כ
מִיר דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ בַּאקְן מַצּוֹת פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ......... כא
גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח צוּ דִי סְדָרִים, אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער ......... כא
פְּרוּבִיר אוֹיס אַ וָואךְ צַייט אָן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ, אוּן זֶע דֶער חִילוּק ......... כב
יֶעצְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן ......... כג
בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין פַארְוָואגְלְט ......... כה


# הקונטרס לרפואת
# העניא בת ראכל
# בתשוח״י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶען אִיךְ נָאךְ צוּרִיקְבַּאקוּמֶען אַ נָארְמַאלֶע גֶעזוּנְטֶע מֹחַ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס קִינְד בִּין אִיךְ לֵיידֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן דוּרְךְ מְנֻוָּולִים, אוּן יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן דִי גֶעזוּנְטֶע נָארְמַאלְקֵייט אִין לֶעבְּן אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט מְטַמֵּא גֶעוֶוען בְּמַעֲשֶׂה, אָבֶּער מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ לִיגְט נָאר אִין טוּן עֲבֵירוֹת מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ קְרַאנְק אוֹיף דֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט פַאר חֲדָשִׁים אוּן יָארְן זִיךְ צוּ מִתְגַּבֵּר זַיין, נִישְׁט קוּקְן אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן, אָבֶּער עֶס וֶוערְט מִיר נִישְׁט בֶּעסֶער, דִי שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט וַוייטֶער אִין מִיר אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרַאכְט אִיךְ אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּלָאזְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אָן קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן בִּכְלַל, וַוייל אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אוּן הֲנָאָה, מַיין הֲנָאָה אִיז נָאר דָאס טְרַאכְטְן פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגְלֶעךְ.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֵצָה אוּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ט שׁוֹבָבִי״ם, כ״ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אֲפִילוּ אַ פַארְדְרֵייטֶע מֹחַ קֶען גְרָאד ווֶוערְן, אוּן אֲפִילוּ אַ פַארְשְׁמִירְטֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע מֹחַ - קֶען צוּרִיק ווֶוערְן לוּיטֶער רֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי ווַייט עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס קֶען נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת ווָאס אִיז פַארְהַאן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שי): ״כַּמָּה צֶלֶם אֱלֹקִים הָיוּ מֻנָּחִים בָּרֶפֶשׁ שֶׁאֲנִי הוֹצֵאתִים מֵהָרֶפֶשׁ וְהַטִּיט שֶׁהָיוּ שָׁם״, ווִיפִיל פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן ווָאס זֶענֶען בַּיי מִיר ווָאס אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן רֶפֶשׁ ווָטִיט, זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין בְּלָאטֶעס, ״וְעַל יְדֵי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזֶה שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים וְכוּ׳״, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַרְגָּא אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים״, אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר מֶענְטְשְׁן, ״שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ אִם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה דַי לָהֶם״, ווָאס אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ דִי שְׁאוֹל תַּחְתִּית ווָאלְט גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר זֵיי, ״כִּי גַּם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם״, זֵיי קוּמֶען פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע פְּלַאץ ווָאס דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת אִיז אוֹיךְ צוּ קְלֵיין, ״שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתֹּר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים״, ווָאלְט מֶען ווֶוען גֶעקֶענְט אוֹיפְגְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע לָאךְ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית ווָאלְט מֶען ווֶוען גֶעדַארְפְט פַאר זֵיי גְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע לָאךְ, ״וְעַל יְדֵי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזֶה שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים״, אוּן דוּרְךְ מִיר זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע דַרְגָּא אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

דוּ זָאגְסְט דוּ פְּרוּבִּירְסְט שׁוֹין יָארְן נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן וְכוּ׳ אוּן עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, ווֶוען עֶס אִיז טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ - קֶען מֶען נִישְׁט

אַרוֹיסְטְרַייבְּן דָאס טוּנְקֶלְקֵייט, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט טוּנְקֶלְקֵייט, מֶען קֶען אָבֶּער אָנְצִינְדְן לִיכְט אוּן לִיכְטִיג מַאכְן. אַז דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה, צוּ הֵיילִיגֶע רֵיינֶע אוֹיגְן, צוּ זַיין גֶעזוּנְט – זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט), אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי עֲבֵירוֹת. וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; אֲפִילוּ עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, עֶר לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית – וֶועט עֶר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג) "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַז דָאס הֶעלְפְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוער עֶס הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען זִיכֶער אוֹיבּ עֶס קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן פַאר דֶעם וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית. הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט: 'רֶבִּי, לֶערְנֶען תּוֹרָה הֶעלְפְט אוֹיךְ פַאר וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן?' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן בְּרִית, תּוֹרָה אִיז בְּתִפְאֶרֶת אוּן בְּרִית אִיז בִּיְסוֹד'", דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁמַע בְּקוֹלִי, אִיעָצְךָ וִיהִי אֱלֹקִים עִמָּךְ; הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט אוּנְז גֶעוִויזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט – זָאל מֶען לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). בִּפְרַט דֶער וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית – בְּדֶרֶךְ כְּלָל – קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מְרַכֵּז זַיין דֶעם מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, אוּן זִיכֶער דֶער וָואס פַּייִנִיגְט זִיךְ מִיט טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁטָא קַיין מֹחַ. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן אַן

עֲבֵירָה אִיז עֶרְגֶער פוּן טוּן אַן עֲבֵירָה; וַוייל דֶער גַאנְצֶער מֹחַ אִיז אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט. אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה; לֶערְנֶען בְּגִירְסָא, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט הַרְגְ'עֶנֶען דַיין יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, וֶועט דִיר דָאס אוֹיסְלַייטֶערְן דַיין מֹחַ.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת. שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר; וויין צוּ אִים, בֶּעט אִים:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים, גֶעבּ מִיר אַ נֵייעֶ מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ. אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן טְרַאכְט אִיךְ נָאר פוּן עֲבֵירוֹת. אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין, מַיין קָאפּ אִיז מִיר אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן נִיאוּף. בַּיי מִיר אִיז כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין טוּמְאָה, פוּן מַיין זֻהֲמָה, אָבֶּער אִיךְ גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן 'גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן'. אִיךְ גְלֵייב אַז עֶס אִיז דָא פַאר מִיר אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶעבְּן רֵיין אוּן גֶעזוּנְט".

מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

### זָאל אִיךְ הֶעלְפְן אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם שַׁמָּשׁ פוּן שׁוּל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דַאוֶוענְט אִין מַיין שׁוּל וָואס אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיפְן

שַׁמָּשׁ פוּן שׁוּל, ווייל דֶער שַׁמָּשׁ אִיז זֵייעֶר אַ גְרֶאדֶער אוּן שְׁטְרֶענְגֶער - סֵיי מִיט דִי זְמַנִים אוּן סֵיי מִיט דִי זוֹיבֶערְקֵייט פוּן דִי שׁוּל, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר אַ צֶעטְל וָואס עֶר וִויל יֶעדֶער זָאל אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַ צְוֵייטְן שַׁמָּשׁ. הַאלְבּ עוֹלָם הָאט שׁוֹין אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אוּן עֶר וִויל אִיךְ זָאל אוֹיךְ אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן, זָאל אִיךְ עֶס טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין מַחֲלֹקֶת. שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה - זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט אַ מַחֲלֹקָה.

קוּם אִין שׁוּל מִיט הַכְנָעָה, דִי שׁוּל אִיז דִי שְׁטוּבּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם בַּיים דַאוֶנֶען. רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט נָאכְגֶעקוּקְט זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר גֶעזֶען, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שׁוּל אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן אַ פַּחַד, עֶר הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טְרֵייסְל פַאר פַּחַד הַשֵּׁם.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה ׳אָט אָט גֵייט מֶען שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, עֶר לֶעבְּט מִיט זִכָּרוֹן בְּעַלְמָא דְאָתֵי. עֶר קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען פַאר זִיךְ, בֶּעטְן רַחֲמִים פַאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע דוֹרוֹת; נִישְׁט צוּ שַׁאפְן אוּן צוּ טוּן, אוּן יֶענֶעם שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיא) וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעלָאזְט אַ נִפְטָר אַרוֹיסְגֵיין פוּן קֵבֶר דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִלָּה - אוֹי וִוי שֵׁיין אוּן וִוי עֶרְלִיךְ וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וִויל זַיין וואויל, וָואס טוט מֶען אַז דֶער מַאן הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ וֶוערְן בֶּעסֶער, צוּ וֶוערְן מֶער עֶרְלִיכֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט נֶעבֶּעךְ אַ מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִיד וָואס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, עֶס אִיז אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר זֵייעֶר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן מֶער עֶרְלִיךְ אוּן וואוּיל. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מַיין מַאן הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי, עֶר הַאלְט וַוייטֶער זַיין סְמַארְטְפָאוֹן אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִירְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט.

גֵיי אִיךְ לַיידְן אוֹיב מַיין מַאן ווִיל נִישְׁט וֶוערְן בֶּעסֶער? בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים אָפְּלָאזְן זַיין טֶעלֶעפָאן אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן? אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ וֶוער מֶער עֶרְלִיכֶער פַאר מִיר אַלֵיין אָן דֶעם וָואס מַיין מַאן זָאל זִיךְ אוֹיךְ צוּשְׁטֶעלְן דֶערְצוּ? אִיךְ צִיטֶער זֵייעֶר אַז אִיךְ וֶועל לַיידְן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אַייעֶר מַאן, עֶס לוֹינְט נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן - אֲפִילוּ פַאר גוּטֶע זַאכְן; וַוייזְט אִים לִיבְשַׁאפְט וֶועט עֶר וֶוערְן בֶּעסֶער.

אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין קְרִיטִיק; מֶענְטְשְׁן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶער וָואס גֶעבְּט מוּסָר אוּן קְרִיטִיקִירְט אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, בִּפְרַט מֶענֶער; אַ מַאן הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען דִי וַוייבּ טֵיילְט אִים אַיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט קְרִיטִיק. בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר עֶרְלִיכֶע טֶעלֶעפָאן אוּן אַייעֶר מַאן וֶועט מִיט דִי צַייט אַייךְ נָאכְקוּמֶען.

מִיט אַבִּיסְל חָכְמָה קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם מַאן אוּן אִים מַאכְן פַאר

אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק ט): "וּמָה נִשְׁתַּנֵּית יַעֵל אֵשֶׁת חֶבֶר הַקֵּינִי מִכָּל הַנָּשִׁים כֻּלָּן שֶׁבָּאת תְּשׁוּעָה גְּדוֹלָה לְיִשְׂרָאֵל עַל יָדָהּ", וָואס הָאט עֶפֶּעס דִי פְרוֹי יַעֵל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רַאטֶעוֶוען אַלֶע אִידְן, זִי הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט סִיסְרָא, זִי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי יְשׁוּעָה פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל? "יַעֵל אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָיְתָה, וְעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ הָיְתָה", זִי אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִי הָאט גֶעטוּן דִי ווִילְן פוּן אִיר מַאן. דֶערִיבֶּער הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דוּרְךְ אִיר אִיז גֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, "מִכַּאן אָמְרוּ חֲכָמִים", פוּן דָא לֶערְנֶען דִי חֲכָמִים, "אֵין לְךָ אִשָּׁה כְּשֵׁרָה בַּנָּשִׁים", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? "אֶלָּא אִשָּׁה שֶׁהִיא עוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ", דִי פְרוֹי וָואס טוּט דֶעם מַאן'ס ווִילְן; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זַיין ווִילְן אִיז זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, אַ פְרוֹי וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּם מַאן; מִיט חֵן אוּן מִיט גֶעבֶּעט, מִיט כָּבוֹד אוּן מִיט הַכְנָעָה, זִי הֶערְט צוּ זַיינֶע רֵייד אוּן זִי טוּט זַיין ווִילְן - קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט כַאפְּן זַיין הַארְץ. אַ קְלוּגֶע פְרוֹי קֶען גְרִינְג כַאפְּן אִיר מַאן'ס הַארְץ, דוּרְכְדֶעם וָואס זִי גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין כָּבוֹד, אוּן וֶוען עֶר רֶעגְט זִיךְ - וֶועט זִי אִים בַּארוּאִיגְן, אוּן וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט וֶועט זִי אִים אוֹיסְרֶעדְן אוּן טְרֵייסְטְן - דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי.

קוּקְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֵאשִׁית חָכְמָה אִין פֶּרֶק דֶּרֶךְ אֶרֶץ (הַשַּׁעַר הָרְבִיעִי): "צְרִיכָה הָאִשָּׁה לִהְיוֹת דְּבָרֶיהָ עִם בַּעֲלָהּ בְּחֵן וּבְתַחֲנוּנִים", אַ פְרוֹי דַארְף רֶעדְן מִיט אִיר מַאן שֵׁיין אוּן הַארְצִיג, "בְּכָבוֹד, בְּבוּשָׁה, בָּעֲנָוָה", אַ פְרוֹי דַארְף רֶעדְן מִיטְן מַאן מִיט עֶהְרֶע, אֵיידֶל אוּן מִיט הַכְנָעָה, "וְתִשְׁמַע דְּבָרָיו", אוּן אוֹיסְהֶערְן זַיינֶע רֵייד (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר אַז עֶס אִיז עַל פִּי תּוֹרָה). "וְתַעֲשֶׂה רְצוֹנוֹ", אוּן טוּן זַיין ווִילְן, "וְתִשְׁתּוֹקֵק אֵלָיו בְּעֵת שֶׁהוֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ", אוּן גְלִיסְטְן וֶוען עֶר פָארְט אַוֶועק, "וַתְּהִי מְצַפָּה וּמְיַחֶלֶת יוֹם בּוֹאוֹ", אוּן וַוארְטְן 'וֶוען וֶועט עֶר שׁוֹין אַהֵיים קוּמֶען', "וְעֵת שֶׁהוּא עִמָּהּ תַּרְאֶה לוֹ שִׂמְחָה תָּמִיד", אוּן אִים שְׁטֶענְדִיג ווַייזְן אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים, "וְתִשְׁמוֹר עֵת אֲכִילָתוֹ, וַתַּעֲשֶׂה לוֹ מַטְעַמִּים כַּאֲשֶׁר אָהֵב", אוּן קָאכְן פַארְן מַאן גוּטֶע עֶסְן וָואס עֶר גְלַייכְט, "וּתְבַטֵּל רְצוֹנָהּ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ", אוּן טוּן זַיין ווִילְן. "בְּעֵת כַּעְסוֹ תְּיַשְּׁבֵהוּ", אוּן וֶוען דֶער מַאן אִיז בְּכַעַס זָאל זִי אִים בַּארוּאִיגְן, "וּבְעֵת צָרָתוֹ תְּשִׂיחֵהוּ", אוּן

אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועֶרֶע צַייט זָאל זִי אִים אוֹיסְרֶעדְן, "וּבְעֵת רָעָתוֹ תְּנַחֲמֵהוּ", אוּן אִים טְרֵייסְטְן. "וַאֲפִילוּ תִּהְיֶה לָהּ דַּאֲגָה בְּלִבָּהּ, תַּסְתִּירֶנָּה", אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְוַוייזְן פַאר אִים אִיר זָארְג, "כְּדֵי שֶׁלֹּא יִתְעַצֵּב", אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג.

"מְקֻשֶּׁטֶת תָּמִיד לְפָנָיו", אַ פְרוֹי זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שֵׁיין אָנְגֶעטוּן פַארְן מַאן, "בַּעֲנָוָה, בְּחֵן וּבִצְנִיעוּת", מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט אֵיידֶלְקֵייט, "וְיִהְיוּ בְּגָדֶיהָ בְּכָל עֵת נְקִיִּים", שְׁטֶענְדִיג גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין אוּן זוֹיבֶּער, "תְּכַבֵּד אָבִיו וּמִשְׁפַּחְתּוֹ" זִי זָאל מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן, "וַאֲפִילוּ הֵם בְּזוּיִים", אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין חָשׁוּב'עֶ. עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין ווייב לָאזְט נִישְׁט הָאבְּן בְּרֶסְלֶב'עֶ זַאכְן אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּיי מִיר אִין סְפָרִים שַׁאנְק פְּרִיוַואט פַאר מִיר צוּ לֶערְנֶען, שׁוֹין לַאנְג וָואס מַיין ווייב זָאגְט מִיר אַז זִי וִויל עֶס נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אָנְפַאנְג הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ טֵייל דִיר נִישְׁט אַיין וָואס דוּ זָאלְסְט לֵיינֶען; דָאס אִיז פַאר מִיר, דוּ מוּזְט עֶס נִישְׁט זֶען", אָבֶּער יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פְלֶעגְט זִי סְטְרַאשֶׁען אַז זִי גֵייט עֶס אַרוֹיסְוַוארְפְן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: "עֶרְלֶעדִיגְט, טוּ וָואס דוּ ווִילְסְט".

דִי וָואךְ הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלָאזְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט אִיר אוּן פְרֶעגְן: "אֶפְשָׁר זָאגְסְטוּ מִיר וָואס דוּ זֶעסְט אוֹיף מִיר שְׁלֶעכְט צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שַׁיְיכוּת מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה?" אוּן אִיךְ זָאג אִיר: "דוּ מוּזְט נִישְׁט הַאלְטְן פוּן בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער דוּ וָואלְסְט זִיךְ גֶעדַארְפְט פְרֵייעֶן אַז דַיין מַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, פַּאקְטִישׁ זֶעעֶן דִי קִינְדֶער אַ טַאטֶע וָואס גֵייט דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, עֶר לֶערְנְט, עֶר גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער", בִּיז דִי טַעֲנָה'רֵייעֶן זֶענֶען אַרַיין אִין דִי הוֹיכֶע טֶענֶער, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט.

נֶעכְטְן הָאט זִי גֶעבְּלָאזְן און מִיךְ גֶעשִׁיקְט מֶעסֶעדְזְשֶׁעס וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאבּ עֶס אִיגְנָארִירְט. זִי הָאט מִיר גֶעקְלִינְגֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶערֶעדְט פון אַנְדֶערֶע זַאכְן. הַיינְט אִינְדֶערפְרִי שְׁטֵייט זִי אוֹיף פַאר אִיךְ גֵיי און זִי נֶעמְט צוּזַאם אַלֶע קוּנְטְרֵסִים און לֵייגְט עֶס אַרַיין אִין אַ זֶעקְל און גֶעבְּט עֶס מִיר, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען און זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט מִיט אִיר. זִי אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ און זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר מִיר, און אִיךְ הָאבּ אִיר גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

וָואס טוּ אִיךְ? וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע מְהַלֵּךְ פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת אִין שְׁטוּבּ; אַז דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט דִי סְפָרִים אִין שְׁטוּבּ - נֶעם עֶס אַרוֹיס, טוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אָן דֶעם וָואס דִי וַוייבּ זָאל דַארְפְן וֶוערְן וֵויי גֶעטוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֵיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט? וָואס קֶען מֶען טוּן פַאר דֶעם? דָאס אִיז דֶער גָלוּת, אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִיקִים, מֶען אִיז מְבַזֶה צַדִיקִים; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וֵויינֶען און שְׁרַייעֶן אַז דֶער גָלוּת זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן; דִי לָשׁוֹן הָרָע׳ס, דִי לֵיצָנוּת, דָאס מְבַזֶה זַיין צַדִיקִים - זָאל שׁוֹין קוּמֶען צוּ אַ סוֹף. דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט, אַלֶע זָאלְן אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער און אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אַלֶע זָאלְן דַאוֶונֶען, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֶעהֶערִיג טְרִינְקֶען וויין אום פּוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין זַייט מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶעוָואלְט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי", טְרִינְקֶען און וֶוערְן שִׁיכּוֹר אום יוֹם טוֹב פּוּרִים, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דָאס יָאר זָאל אִיךְ יָא קֶענֶען טְרִינְקֶען גֶעהֶערִיג און מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רְמָ"א פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרצה, סְעִיף ב) מֶען זָאל טְרִינְקֶען מֶער פוּן ווִיפִיל מֶען טְרִינְקְט אַ גַאנְץ יָאר; קֶענְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה מִיט אֵיין כּוֹס וויין. דֶער רְמָ"א זָאגְט: "וְאֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּין לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם", דֶער עִיקָר זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַלֶע יָארְן פַאר פּוּרִים מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין סַאךְ, מֶען זָאל טְרִינְקֶען אַבִּיסְל, און טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען, און זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, עֶס זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק שְׁלֶעכְט אָדֶער גוּט, מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, סַיי אָרוּר הָמָן און סַיי בָּרוּךְ מָרְדְּכַי - אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים פוּן שַׁבָּת זָכוֹר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַלְס גַבָּאֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוֹיבּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס מִנְהָגִים אוֹיף דֶעם שַׁבָּת, שַׁבָּת זָכוֹר, וָואס דִי גַבָּאִים דַארְפְן וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, לְדֻגְמָא, לְגַבֵּי זִינְגֶען אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נִיגוּנִים בַּיי לְכָה דוֹדִי וְכַדוֹמֶה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבָּאֵי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן בַּיים דַאוֶועֶנען. אֲפִילוּ שִׂמְחַת תּוֹרָה וָואס עֶס אִיז דָא מִנְהָגִים צוּ מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן - הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט מַאכְן דִי זַאכְן.

שַׁבָּת זָכוֹר אִיז דֶער מִנְהָג צוּ זָאגְן יוֹצְרוֹת בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק.

אֵיידֶער מֶען גֵייט לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּרוּפְן אַז מֶען גֵייט יֶעצְט מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַית עֲמָלֵק, אַזוֹי וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן אַרַיינְרוּפְן דִי קִינְדֶער, זֵיי הַאלְטְן נֶעבְּן זִיךְ אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין מִיט דִי מִצְוָה.

אַז עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן אִין שׁוּל - זָאלְסְטוּ רֶעדְן דִי וָואךְ בְּעִיקָר פוּן ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אוּן ווִי טַייעֶר עֶס אִיז יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיר טוּעֶן, דָאס אִיז מְחִיַית עֲמָלֵק. דָאס אִיז דִי מִלְחָמָה וָואס עֶר אִיז לוֹחֵם; עֶר ווִיל אוּנְז צֶעבְּרֶעכְן, עֶר ווִיל אוּנְז אַיינְרֶעדְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אוּנְז נִישְׁט אוּן עֶר אִיז בְּרוֹגֶז חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף אוּנְז; דַארְפְן מִיר לוֹחֵם זַיין אוּן אַרוֹיסְהַאקְן פוּן קָאפּ דִי טְרֵיפָה׳נֶע מַחֲשָׁבוֹת, מִיר

זָאלְן וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן און יֶעדֶע מִצְוָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֶר׳טֶע**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל״ג שׁוֹבָבִי״ם, י״ט שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**אַ מַתָּנָה פַאר דִי תַּלְמִידָה ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִילִים. תְּהִילִים נֶעמְט אַוֶועק דִי פְּחָדִים, תְּהִילִים בַּאשִׁיצְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

הָאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין מוֹרָא, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְן דִיר׳, עֶר הִיט אַייךְ אוּן זָארְגְט פַאר יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט אַייךְ.

גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֶר׳טֶע; בֶּעטְס אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**חֶסֶד הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ, הֶעלְף אִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר. בִּיסְט פַארְנוּמֶען צוּ טוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, חֶסֶד הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; עֶס טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיף אִיר חֶשְׁבּוֹן.

אִיךְ בֶּעט דִיר לָאז אָפּ אַלֶעס, גֵיי אַהֵיים הֶעלְף אִין שְׁטוּבּ; דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ וִויל דִיר שִׁיקְן מַיינֶע טְרֵייסְט וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נֵייעֶס פוּן דַיין טַאטְנְ'ס פְּטִירָה, אִיךְ וִויל דִיר שִׁיקְן מַיינֶע טְרֵייסְט וֶוערְטֶער פוּן דֶערְוַוייטְנְס אָבֶּער אִין הַארְץ זֶענֶען מִיר זֵייעֶר נָאנְט. הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, מִיר זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פוּן קֵיין צַעַר אוּן וֵוייטָאג.

זַיי שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת פַאר דַיין טַאטֶע'ס נְשָׁמָה. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ קִינְד קֶען טוּן פַאר זַיין טַאטְנְ'ס נְשָׁמָה, מְזַכֶּה זַיין מִיט לִימוּד מִשְׁנָיוֹת.

...

### אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ מְלַמְּדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אַז דוּ לָאזְט אָפּ דִי מְלַמְּדוּת, אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁוֶוערֶע הַארְץ; אוֹיבּ אִיז דִיר דִי מְלַמְּדוּת אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ - אִיז עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן. וַוייל אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִישְׁט דִי גֶעפִיל צוּ מְלַמְּדוּת - אִיז אַ שָׁאד זַיין צַייט אוּן אַ שָׁאד דִי צַייט פוּן דִי קִינְדֶער; נָאר מִיט אַ גֶעפִיל אִיז דָא הַצְלָחָה, אָן גֶעפִיל קֶען מֶען קַאלְיֶע מַאכְן, שְׁרֵייעֶן אוּן גֶעבְּן שַׁארְפֶע בַּייסִיגֶע מוּסָר וְכוּ' וְכוּ'.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט דָאס דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט ... ; וָואס וֵוייסְט עֶר פוּן מְלַמְּדוּת צוּ זָאגְן ? שְׁמוּעֶס עֶס דוּרְךְ מִיטְן מְנַהֵל ר׳ ...

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בְּעִיקָר מִיט שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, וֶוער עֶס אִיז פְּרֵיילִיךְ - הָאט הַצְלָחָה; דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַּרְגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף גֵיין צוּ דִי מַאן׳ס עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט יָא גֵיין צוּ אַייעֶר מַאן׳ס עֶלְטֶערְן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט נִישְׁט צוּ גֵיין. אַז אַייךְ אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם - אִיז דָאס נִישְׁט גֶערֶעכְט, אַייעֶר מַאן ווִיל יָא גֵיין, עֶר בֶּענְקְט זִיךְ צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן - דַארְפְט אִיר גֵיין פוּן צַייט צוּ צַייט.

ווִי אַזוֹי וֶועט אִיר שְׁפִּירְן וֶוען אַייעֶר זוּן וֶועט נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן בַּיי אַייךְ וֶוען זַיין וַוייבּ, אַייעֶר שְׁנִיר - וֶועט אִים נִישְׁט לָאזְן קוּמֶען צוּ אַייךְ מִיט אִירֶע קָאמְפְּלֶעקְסְן ?

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען צִיעֶן דֶעם מַאן׳ס הַארְץ, אוּן מִיט וֵויינֶען אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג - קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן. אַ מַאן הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ פַאר דִי וַוייבְּ׳ס מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת, עֶר אַלֵיינְס הָאט שׁוֹין גֶענוּג זַיינֶע אֵייגֶענֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיר דַארְפְט אִים נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב וֶועט בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר מַאן וויל נִישְׁט קוֹיפְן דִי טַייעֶרֶע תְּפִילִין פַאר עֶנְקֶער זוּן - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט מִיט אִים צֶעקְרִיגְן. אִיר קֶענְט רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט, מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ מַאכְן פוּן עִיקָר - טָפֵל אוּן פוּן טָפֵל - עִיקָר; דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיץ נִישְׁט צוּפִיל מִיט אִידְן וָואס הִיטְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גְרִינְג אִיבֶּערְגֶערֶעדְט דוּרְךְ דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ; אַז דוּ וֶועסְט דַארְפְן זִיצְן טָאג אוּן נַאכְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הִיטְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת - וֶועסְטוּ זַיין אִין אַ סַכָּנָה פוּן וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ אִיז דִי אַרְבֶּעט צוּ זִיצְן טָאג אוּן נַאכְט מִיט אִים - אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז דִי אַרְבֶּעט נָאר פוּן צַייט צוּ צַייט זִיצְן מִיט זֵיי - אִיז יָא כְּדַאי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען דַארְף טוּן, אוּן וִויפִיל מֶען קוּמְט אָן אִיז גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ב, טז): ״לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר, וְלֹא אַתָּה בֶּן חוֹרִין לְהִבָּטֵל מִמֶּנָּה״, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ ווִיסְן דִי בֵּיידֶע זַאכְן, פוּן אֵיין זַייט ׳דִי אַרְבֶּעט לִיגְט נִישְׁט אוֹיף דִיר צוּ עֶנְדִיגְן׳, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ׳בִּיסְטוּ נִישְׁט פְרֵיי פוּן נִישְׁט טוּן׳; מֶען דַארְף טוּן, אוּן וִויפִיל מֶען קוּמְט אָן - אִיז גוּט.

לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער הֲלָכוֹת וִויפִיל אִיר קֶענְט אָנְקוּמֶען, אוּן אַז אִיר עֶנְדִיגְט נִישְׁט - אִיז גָארְנִישְׁט, זַיי וֶועלְן שׁוֹין לֶערְנֶען וַוייטֶער דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער הִלְכוֹת שַׁבָּת, בִּזְכוּת לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְט אִיר הָאבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן קָאפּ דִי זַאךְ פוּן זִיךְ גֶטְ׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נָאכְן רֶעדְן מִיט אַייךְ אוּן נָאכְן זִיךְ אַרַיינְטוּן אִין דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, ווִיל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן אַייעֶר קָאפּ דֶער זַאךְ פוּן ׳זִיךְ גֶטְ׳ן׳; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת צוּ גֵיין צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב מִיט אַזוֹיפִיל קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל אַרַיינְגֶעטוּן צוּ מְבָרֵר זַיין וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מֶען דַארְף פַארְקוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וְכוּ׳, אַבִּי עֶס זָאל בְּלַייבְּן דִי שְׁטוּב.

אִיר זֶענְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב דָאס אַרְגְסְטֶע זַאךְ, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט קֶענֶען זִיצְן צֶען שָׁעָה מִיט מַאן אוּן וַוייבּ - אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אַבִּי נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין גֶט.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו אוּן פָאלְגְן וָואס שְׁטֵייט דָא - וֶועט אִיר נִישְׁט דֶערְלֵייגְן אוּן אִיר וֶועט נָאר פַארְדִינֶען. מַאכְט שָׁלוֹם מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קְלַאפְּט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה פוּן ׳זִיךְ גֶטְ׳ן׳, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילּוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ גֶטְ׳ן זִיךְ וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ, פַארְוָואס וֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט, וִוי צוּ זָאגְן: ׳מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְוָואס פֶּעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת׳, וַוייל וֶוען עֶלְטֶערְן גֶטְ׳ן זִיךְ וֶוערְן דִי קִינְדֶער קָרְבָּנוֹת, דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶע׳שָׁחְטְ׳ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ".

אִיךְ הָאף צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּקָרוֹב, וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט אַייעֶר מַאן פָּנִים בְּפָנִים.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיבּ אִיר הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי לַאנְג עֶס אִיז נִישְׁט קֶעגְן דִי הֲלָכָה, טוּט מֶען אַלֶעס פַאר שָׁלוֹם בַּיִת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען לֵיינְט דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ שִׁיק אַייךְ פַאר שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אַז דָאס אִיז אַייךְ מְחַיֶ׳ אוּן מְחַזֵק. גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ קוֹים צַייט צוּ אָטֶעמֶען, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ מַיין אַרְבֶּעט. אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם ווינְטֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעזֶען דִי דוּרְשְׁטִיגְקֵייט אוּן הוּנְגֶערִיגְקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ דִי חִיזוּק, שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, וָואס גֶעבְּט אוּנְז אִיבֶּער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - פְּרוּבִּיר אִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ שְׁרַייבְּן פַאר אַייךְ אַ בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶעם וְכוּ׳, אִיךְ קֶען דִיר נָאר דֶערְצֵיילְן וָואס אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק נִסְתָּר, אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, וָואס בַּיי זַיין חֲתוּנָה הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיפְגֶעדְרֵיידְט זַיינֶע פֵּיאוֹת צוּלִיבּ שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל זַיין כַּלָה הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַן הַשָּׂגָה אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת, זִי הָאט דָאס אָנְגֶעקוּקְט ווִי אַ כְּנְיָאקִישֶׁע זַאךְ; הָאט דֶער צַדִיק בְּרֹב עַנְוְתָנוּתוֹ אַרוֹיפְגֶעדְרֵיידְט דִי פֵּיאוֹת. אוֹיךְ הָאט דֶער צַדִיק שׁוֹין גֶעהַאט אַ בָּארְד בַּיי דִי חֲתוּנָה אוּן דִי כַּלָה הָאט גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל דָאס אַרַיינְדְרֵייעֶן, הָאט דֶער צַדִיק נִסְתָּר דָאס גֶעטוּן.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ אוּן זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, אוּן עֶס אִיז כְּדַאי אַלֶעס צוּ טוּן - פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ. (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַאכְן קֶעגְן דִי הֲלָכָה - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן, דֶעמָאלְט אִיז [מִשְׁלֵי כא, ל]: ״אֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה וְאֵין עֵצָה לְנֶגֶד ה׳״, אוּן [סַנְהֶדְרִין פב.]: ״אֵין חוֹלְקִין כָּבוֹד אֲפִילוּ לְרַב״).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּהַאלְטְן דִי שְׁוֶועִרִיקַייטְן אָן דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי שְׁוֶועִרִיקַייטְן בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר אַז מֶען הָאט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, בִּפְרַט אִין דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל - וֶועסְטוּ נִישְׁט פַאלְן. אוֹיךְ וֶועט דִיךְ דָאס דֶערְמַאנֶען פוּן תַּכְלִית, פוּן אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה אוּן גֵיין דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת.

אַמָאל אִיז דָאקְטֶער לָאנְדָא פוּן אוּמַאן אַרַיין צוּ רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהֶערְט ווִי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט פוּן תַּכְלִית, עֶר הֶערְט זִיךְ צוּ וָואס רֶבִּי נָתָן רֶעדְט, "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד" (אִיּוֹב ה, ז), מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז תַּכְלִית, נָאר דָאס אִיז וֶוערְד, נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער דָאקְטֶער לָאנְדָא טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס וֵוייסְט דֶען רֶבִּי נָתָן וָואס מֵיינְט גוּט אַז עֶר רֶעדְט פוּן גוּטְס? וֵוייסְט עֶר דֶען ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין, אַז הַיינְט הָאבּ אִיךְ פַארְדִינְט אַסַאךְ גֶעלְט אוּן גֶעקוֹיפְט אַ טֵייעֶרֶע צִירוּנְג פַאר מַיין וַוייבּ, וָואס הָאט דֶען רֶבִּי נָתָן אֲפִילוּ אַן אַנוּנְג וָואס גוּטְס מֵיינְט?' אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט וַוייטֶער: "אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְדִינֶען גֶעלְט אוּן אֲפִילוּ קוֹיפְן אַ טֵייעֶרֶע צִירוּנְג פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן גֶעבְּט אִיר דִי מַתָּנָה, אוּן זִי אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, עֶס וֶוערְט אַ גַאנְצֶע מַחֲלֹקֶה פוּן דֶעם, עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּן שְׁטוּבּ אוּן זוּכְט נָאר ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען"; וֶוען דֶער דָאקְטֶער לָאנְדָא הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: 'אַ בַּטְלָן דֶער רֶבִּי נָתָן, וָואס רֶעדְט עֶר? וָואס וֵוייסְט עֶר פוּן זַיין לֶעבְּן צוּ זָאגְן...?'

דֶער דָאקְטָאר לָאנְדָא אִיז אַהֵיים, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ דִי

מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעקוֹיפְט און זִי הָאט דָאס נִישְׁט לִיב גֶעהַאט. עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ קְרִיגֶערַיי צְוִוישְׁן זֵיי, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שְׁטוּב. עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן אַזוֹי בִּיטֶער אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען. עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ רֶבִּי נָתָן און גֶעזָאגְט: "אֵיי וִוי גוּט הָאט אִיר צוּגֶעטְרָאפְן; פִּינְקְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט בַּיי מִיר פַּאסִירְט", און רֶבִּי נָתָן הָאט אִים וַוייטֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

נֶעם אַ גְמָרָא און לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דָאס אִיז תַּכְלִית; אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז קַיין תַּכְלִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיסְט מִיר מְחַיֶ' יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיוּמִים; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ מְחַזֵק זַיין וַוייטֶער דִי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נָאר דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ מַאכְט פְרֵיילִיךְ - נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דָארְט קֶען מֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְטְרֶענְקֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען זוּכְט אַ דִירָה וואו דִי קִינְדֶער וֶועלְן בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

...

וֶוען מֶען זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען - קוּקְט מֶען נִישְׁט וואוּ מֶען קֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע דִירָה, מֶען קוּקְט אוֹיף אֵיין זַאךְ ׳וואוּ וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דָאס בֶּעסְטֶע חִינוּךְ?׳

גְרוֹיסֶע דִירָה אוּן גְרוֹיסֶע פֶעלְדֶער אַרוּם דִי שְׁטוּבּ אוּן פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁטֶעלְן דִי קַאר - דָאס אִיז נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד קוּקְט, אַ אִיד קוּקְט ׳וואוּ וֶועל אִיךְ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע חִינוּךְ?׳

אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען; אַז אִיר פְרֶעגְט מִיר זָאג אִיךְ אַייךְ עֶס אִיז כְּדַאי צוּ בְּלַייבְּן אִין אַ קְלֵיינֶע שְׁטוּבּ מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אַ חִינוּךְ פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶענוּג זִיךְ אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ג׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן זִיךְ קְלַאפְּן; אִיר זֶענְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אִיר זֶענְט זֵייעֶר טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר הָאט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן. אִיר דַארְפְט גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס, וֶוען אוּן וואוּ; וואוּ מֶען וואוֹינְט, וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען קוּמְט, דִי מַאן, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גֶענוּג זִיךְ גֶעקְלַאפְּט, פוּן יֶעצְט דַארְפְט אִיר נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, הִתְבּוֹדְדוּת וָואס קוּמְט פוּן שִׂמְחָה אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן פא): "תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט בְּשִׂמְחָה אִיז דָאס זִיס אוּן אַיינְגֶענֶעם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי תְּפִילוֹת גֵייען אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, קֶענְסְטוּ אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִּׁי פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ג' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הַ' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ עֶנְק, אִיךְ טְרַאכְט פוּן עֶנְק אוּן אִיךְ בִּין מִיט עֶנְק. אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁרַייבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר זֶעעֶן אִין דִי פַּרְשָׁה, לוֹיט דִי הַקְדָּמוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, תַּמְצִית דִּבְרֵי רַבֵּינוּ.

שְׁטֵייט דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה (שְׁמוֹת כו, כח): "וְהַבְּרִיחַ הַתִּיכֹן בְּתוֹךְ הַקְּרָשִׁים מַבְרִחַ מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה". חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת צח:) אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען בְּדֶרֶךְ נֵס, וַוייל אַ הָאלְץ אִיז נִישְׁט וֵוייךְ, עֶס אִיז הַארְט, אוּן אַ הַארְטֶע זַאךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן, דָאךְ אִיז דָאס גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין זַייט - פוּן צָפוֹן - צוּ מַעֲרִיב, אוּן צוּרִיק צוּ דָּרוֹם; דַארְפְן מִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס ווִיל אוּנְז דִי תּוֹרָה וַוייזְן מִיט דִי נֵס? וָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט דִי זַאךְ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאךְ נִישְׁט קַיין נִיסִים פַאר אוּמְזִיסְט, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטַאנְגֶען פַאר צָפוֹן, מַעֲרִיב אוּן דָּרוֹם!

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסב) עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ -

אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, אַ יַחְסָן, עֶר הָאט גֶעשְׁטַאמְט פוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶר מִשְׁפָּחָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן מַגִּיד, אוּן דֶער מַגִּיד הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן מְקָרֵב זַיין דֶעם אִיד צוּ אִים. וֶוען דֶער אִיד אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַן אָרֶעמַאן, הָאט דֶער מַגִּיד גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵלּוּ שְׁנֵיהֶם אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיוּ בְּמָקוֹם אֶחָד", תּוֹרָה וּגְדֻלָּה גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם, "הָרוֹצֶה לְהַחְכִּים יַדְרִים, לְהַעֲשִׁיר יַצְפִּין", וַוייל וֶוער עֶס וִויל וֶוערְן קְלוּג - זָאל זִיךְ צִיעֶן קַיין דָּרוֹם, אוּן וֶוער עֶס וִויל זַיין רַייךְ זָאל גֵיין קַיין צָפוֹן - מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אוֹיף אֵיינְמָאל אִין אֵיין פְּלַאץ, פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס, דָאס אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל עֶפֶּעס, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶפֶּעס, עֶר אִיז אַ מְצִיאוּת; אַזַא אֵיינֶער קֶען נָאר זַיין אָדֶער דָא אָדֶער דָארְט, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, מֶען אִיז גָארְנִישְׁט - דֶעמָאלְט קֶען מֶען יָא הָאבְּן בֵּיידֶע זַאכְן, סַיי חָכְמָה אוּן סַיי עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ - זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס חָכְמָה אוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת.

דָאס קוּמְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וַוייזְן מִיט דֶעם נֵס, אַז צָפוֹן אוּן דָּרוֹם זֶענֶען טַאקֶע צְוֵויי זַייטְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִין מִשְׁכָּן, מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט - קֶען אֲפִילוּ אַ הַארְטֶע הָאלְץ זִיךְ דְרֵייעֶן פוּן רֶעכְטְס צוּ לִינְקְס אוּן פוּן לִינְקְס צוּ רֶעכְטְס, עֶס אִיז אֵיין זַאךְ, מֶען קֶען זַיין בַּיי צָפוֹן אוּן בַּיי דָּרוֹם אִין אֵיין צַייט, מֶען קֶען הָאבְּן סַיי דֶעם שֻׁלְחָן וָואס לִיגְט אוֹיף צָפוֹן זַייט וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף עֲשִׁירוּת, אוּן סַיי דִי מְנוֹרָה, חָכְמַת הַתּוֹרָה - וָואס לִיגְט אוֹיף דָּרוֹם.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים שְׁטֶענְדִיג, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֶפֶּעס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז עֶפֶּעס, עֶר דַארְף זַאכְן - דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ אִים צוּנֶעמֶען, קֶענְסְט אִים טְשֶׁעפֶּען, קֶענְסְט אִים צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן הָאט גָארְנִישְׁט - נֶעם אִים עֶפֶּעס צוּ... קֶענְסְט אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען, קֶענְסְט אִים נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין.

דָאס הָאט מֶען זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁפִּירְן אִין מִשְׁכָּן אוּן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ,

מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, אַזַא גִלּוּי אֱלֹקוּת; מֶען הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט.

דָאס אִיז חִיזוּק פַאר שָׁלוֹם בַּיִת. מֶען קֶען לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ נָאר אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בֵּייגְן אוּן נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אַ פְּלַאץ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא צט.): "מְקוֹם אָרוֹן אֵינוֹ מִן הַמִּדָּה", עֶס הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטִימְט; שֵׂכֶל'דִיג הָאט עֶס נִישְׁט קַיין פְּשַׁט, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען; "בְּנֵס הָיוּ עוֹמְדִין".

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַז דוּ גֵייסְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן דוּ זֶעסְט אַז עֶר פַארְקוֹיפְט דִי קַאפְּל וָואס מַאכְט חוֹזֶק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס הָאט דִי אוֹתִיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען - זָאלְסְטוּ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן אַ צַדִּיק. זָאג אִים אַז דָאס פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִּיק אוּן דָאס פַארְשֶׁעמְט אוּנְז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, מִיר לַיידְן זֵייעֶר פוּן דֶעם. אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ רֶעדְסְט - זָאלְסְטוּ אִים שֵׁיינֶערְהֵייט פְרֶעגְן: "וִוי אַזוֹי וָואלְט זִיךְ עֶס גֶעשְׁפִּירְט וֶוען דוּ זֶעסְט אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן אַ קַאפְּל מִיט דַיין רֶבִּי'ס נָאמֶען אִין אַ חוֹזֶק וֶועג, אוֹיסְגֶעלֵייגְט דִי אוֹתִיּוֹת?" בֶּעט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט עֶר זָאל דָאס נִישְׁט פַארְקוֹיפְן.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן "נַ נַחְ" - אִיז אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן דִי פִינְגֶער, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶערֶעדְט פוּן דִי צָרָה. עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ אִיד אִין טְבֶרְיָ' רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, מֶען הָאט אִים דָארְט זֵייעֶר גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶע'רוֹדְפְ'ט. וֶוען מֶען לֵיינְט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער - כַאפְּט אַ פַּחַד; מֶען הָאט פַארְגָאסְן זַיין בְּלוּט, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. דָארְט אִין טְבֶרְיָ' הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד רֶבִּי יוֹאֵל אַשְׁכְּנַזִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזֶען וִוי מֶען רוֹדְפְ'ט דֶעם רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער; 'וַוייל עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר דַארְף מֶען אִים רוֹדְפְ'ן? וַוייל עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דַיין חֲסִידוּת - קוּמְט אִים דָאס?!' הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ שְׁפִּיצְל אִים פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַ צֶעטְל אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף:

׳פִּתְקָא מִן הַשָּׁמַיִם׳ מִיט דִי וֶוערְטֶער ׳נַ נַחְ׳, אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע מְשׁוּגַעַת, עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶר זָאל מֵיינֶען אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ צֶעטְל פוּן רֶבִּי׳ן וְכוּ׳ אוּן נֶעבֶּעךְ דֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ צֶעטְל וְכוּ׳, אוּן פוּן דֶעם לַיידְן מִיר עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען אִיז מְבַזֶּה אַ צַדִּיק, דִי אַלֶע זֶענֶען מְרַחֵק מֶענְטְשְׁן פוּן בְּרֶסְלֶב, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם דִי אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף בְּרֶסְלֶב, (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דָאס זָאלְט אִיר טוּן שֵׁיינֶערְהֵייט, נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת; בֶּעטְן שֵׁיינֶערְהֵייט, נָאר אַזוֹי פּוֹעֵל׳ט מֶען).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## אַ בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ג׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן בִּיז יֶעצְט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, מִיט דִי יְשִׁיבָה אוּן מִיט דִי מוֹסְדוֹת.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיטְוָואךְ נַאכְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין אוּנְזֶער חָבֵר יוֹאֵל נֵרוֹ יָאִיר, וָואס אִיז גֶעזִיצְן שִׁבְעָה נָאךְ זַיין טַאטֶע. אִיךְ קוּם אִים אַסַאךְ הַכָּרַת הַטּוֹב, עֶר הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן בַּיי דִי פַּרְשָׁה וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק וְכוּ׳.

אִינְדֶערְפְרִי בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אַ קְרִיאַת הַשֵּׁם בַּיים מְלַמֵּד הָאבְרֵךְ בֶּערְל נֵרוֹ יָאִיר, וְיִקָּרֵא שְׁמָהּ בְּיִשְׂרָאֵל פֵּיגָא, נָאכְן רֶבִּינְ׳ס מַאמֶע. נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית בַּיי הָרַב יְחֶזְקֵאל שְׁלִיטָ״א פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ״א, זַיין טַאטֶע הָרַב אֱלִימֶלֶךְ שְׁלִיטָ״א אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּן יַבְנְאֵל, דֶער זֵיידֶע הָרַב רֶבִּי דָנִיֵּאל

שְׁלִיטָ"א איז גֶעוֶוען סַנְדָק. מִיר הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן צוּ זָאגְן דִי בְּרָכוֹת און דֶעם נָאמֶען, וְיִקָרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל מֹשֶׁה נָאךְ זַיין זֵיידֶע. אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ טַייעֶרֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען וִוי עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיט אַזַא פַּשְׁטוּת און תְּמִימוּת.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן וִוי מֶען גִיסְט נָאךְ אַ מִקְוֶה אִין שְׁטֶעטְל אִין דִי נֵייעֶ גֶעגְנְט יְרוּשָׁלַיִם. שַׁבְּתַי נֵרוֹ יָאִיר הָאט מְנַדֵב גֶעוֶוען דִי מִקְוֶה לְזֵכֶר נִשְׁמַת זַיין שְׁוֶועסְטֶער עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וָואס אִיז יֶעצְט מַמָשׁ נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶס אַז נָאךְ אִין דִי שְׁלוֹשִׁים, און עֶר הָאט גֶעגָאסְן אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע מִקְוֶה, נִישְׁט מִיט אַ צִמְצוּם וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע. דֶער דַיָין שְׁלִיטָ"א מִיט דִי חֲבֵרִים פוּן כּוֹלֵל וָואס הָאבְּן גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת זֶענֶען גֶעקוּמֶען גֶעבְּן דִי הֶכְשֵׁר פַאר דִי מִקְוֶה.

עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר שַׁבְּתַי פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַיינוּנְג וָואס עֶר טוּט פַאר מִיר און פַאר אוּנְז אַלֶע; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס וִוי עֶס קוּמְט אִים אָן גְרִינְג, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט אַלְץ פַאר אוּנְז. נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מִיטִינְג פַאר פְרִישֶׁע הַייזֶער, מִיר גְרֵייטְן שׁוֹין אָן שְׁטָחִים פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹר, פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם מַצָּה בֶּעקֶערַיי. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה אַז מִיר הָאבְּן אוּנְזֶערֶע מַצּוֹת; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ אַ מַצָּה וָואס אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד מַאכְט. דֶער קְנֶעטֶער, דֶער וַואסֶער גִיסֶער, זֵייעֶרֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת. דִי וַוייבְּלֶעךְ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס צְנִיעוּת וֶועלְגֶערְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט אֱמוּנָה, מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶעדְלֶער, דֶער שִׁיבֶּער און דֶער פַּאקֶער; אַלֶע תַּלְמִידֵי וְתַלְמִידוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. דִי הֶכְשֵׁר גֶעבְּט דֶער דַיָין שְׁלִיטָ"א. אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען חַלָּה און גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה מִיט דִי אִינְגֶעלַייט.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן, אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט וֶוער עֶס וִויל קוּמֶען אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מַצּוֹת, אֶפְשָׁר דַיין וַוייבּ וֵוייסְט אֵיינֶער וֶוער עֶס וִויל קוּמֶען אַרְבֶּעטְן; אִיךְ דַארְף נָאךְ וֶועלְגֶערֶערְס.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם חֵדֶר אוּן צוּ בֵּית פֵיגָא, דָארְט אִיז מַמָּשׁ אַ טַעַם גַן עֵדֶן; וֶוען אִיךְ גֵיי אַהֵין פַארְגֶעס אִיךְ פוּן אַלֶע מַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט. דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא תְּמִימוּת, מִיט אַזַא שִׂמְחָה; סַיי אִין חֵדֶר אוּן סַיי אִין בֵּית פֵיגָא, אַלֶע מִיט אַזַא דֶרֶךְ אֶרֶץ. דִי מְלַמְּדִים - אִיז נִישְׁטָא דָאס וָוארְט וָואס צוּ זָאגְן, גֶעטְרֵיי אִיז נִישְׁט דָאס וָוארְט; זֵיי אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶער מֹחַ, מִיט יֶעדֶע טְרָאפּ בְּלוּט. אַזוֹי אוֹיךְ אִין סְקוּל, דִי מְנַהֶלֶת מִיט דִי לֶערֶערִינְס זֶענֶען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן; וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט דָארְט צְוִוישְׁן דִי פִיר וֶוענְט פוּן חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא - הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס פַאר אַ אַרְבֶּעט מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, מִיט סַבְלָנוּת, מִיט אַזוֹיפִיל חָכְמָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֵיין אִין כּוֹלֵל אוּן אוֹיךְ צוּם הַדְפָּסָה, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַהֵיימְגֵיין הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן גֵיין צוּם שִׁיעוּר.

בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר בְּעִיקָר גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעוָואלְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן, שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען בַּיים זִיךְ טוֹבֵל'ן?" עֶר הָאט גֶעזֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יְרוּשָׁלַיִם, דֶעם הַר הַבַּיִת, בִּיזְן קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, אָבֶּער דֶער אָרוֹן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזֶען, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "דֶער אָרוֹן אִיז אִין מֶעזִיבּוּזְשׁ"; הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען נִישְׁט צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר בְּלַייבְּן נֶעבְּן זַיין רֶבִּי.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז (שְׁמוֹת כה, ח): "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם", מַאכְט מִיר אַ פְּלַאץ וואו צוּ וואוֹינֶען; יֶעדֶער אִיד דַארְף דָאס טוּן, מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אוּן אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק, מֶען הָאט דֶעם רֶבִּי'ן - הָאט מֶען דֶעם אָרוֹן.

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין. אִיךְ וִויל דִיר אַיינְלַיידֶענֶען, מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ מְסִבָּה אִין יְשִׁיבָה, אַ מְסִבָּה פוּן הַכָּרַת הַטּוֹב. דִי גַבָּאִים שַׁבְּתַי אוּן אָשֵׁר בֶּער זֵיי הֶעלְפְן מִיר אַ גַאנְץ יָאר מִיט דִי

רֶענְט, ווילְן מִיר אָפְּגֶעבְּן אַן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר מִיטְן רֶענְט קַאמְפֵּיין.

זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, קוּמֶען צָרוֹת אוּן נַייעֶ גְזֵירוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, דוּ וֶועסְט הָאבְן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן הַצְלָחָה.

רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): "בַּעֲווֹן נִבּוּל פֶּה", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קוּמֶען צָרוֹת אוּן נַייעֶ גְזֵירוֹת; "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילּוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילּוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגֶלְט אַ גוּטֶע גְזֵירָה פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר - צֶערַייסְט מֶען דִי גוּטֶע גְזֵירָה אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", אוֹיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דֶעם גֵיהִנּוֹם.

אוֹיב דוּ קֶענְסְט מִיר בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד, לָאז מִיר וִויסְן; אִיךְ דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג הָאבְן גְרוֹיס גֶעלְט צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין. קֶענְסְט זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיב אִיךְ בַּאצָאל; אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעבָּארְגְט דוּרְכְאוֹיס דִי יָארְן פוּן וֶוען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט - מִילְיָאנֶען דָאלֶער, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט שְׁטֶענְדִיג בַּאצָאלְן אִין צַייט.

דִי וָואךְ לֵיל שִׁישִׁי וֶועט זַיין דֶער שִׁיעוּר אִין לֶעיקֶוָואד, אִיךְ הָאבּ דָארְט אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶעלְף מִיר טַאטֶע! נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע!**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁרֵייַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע; אֲפִילוּ דוּ זִינְקְסְט טִיפֶער אוּן טִיפֶער אִין בְּלָאטֶע, דוּ פַאלְסְט אִין עֲבֵירוֹת - זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ, נָאר שְׁרֵיי: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע! נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע!"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "וַאֲפִילוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט, שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ בְּלָאטֶע וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן, "צוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין, וְצוֹעֲקִין!" וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן (רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן אִין אִידִישׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט): "אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין, שְׁרַייט מֶען, אוּן מֶע שְׁרַייט, אוּן מֶע שְׁרַייט"; דָאס אִיז דִי עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת".**

מֶען הוֹיבְּט הַיינְט אָן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא אִין יְרוּשַׁלְמִי, מַסֶכֶת דְמַאי; עֶס אִיז גוּט אַז דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי אוּן אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא, בּוֹי זִיךְ אַ בַּ׳יִ׳ת׳ נִצְחִי, אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז.

אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט פוּן גוּטֶע אִידְן וָואס טֵיילְן צְדָקָה פּוּרִים אוּן הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ אוּנְזֶער מוֹסָד - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי בָּחוּרִים קֶענֶען קוּמֶען

פּוּרִים, אוּן זַיי מוֹדִיעַ פַאר שִׁמְעוֹן פִּישׁ נֵרוֹ יָאִיר, אַזוֹי וֶועסְטוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, מֶען קֶען אַמָאל מֶער הֶעלְפְן אַזוֹי - וִוי מִיט דִי אֵייגֶענֶע גֶעלְט.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם אִין שְׁטֶעטְל פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, מֶען וֶועט רֶעדְן וִויכְטִיגֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועט דָאס זַיין אִין שְׁטָאט; זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאסְט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְלִיר נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוועלֶע.

דוּ שְׁרַייבְּסְט בִּיסְט פַארְלוֹירְן, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מֶער וְכוּ׳; בֶּעט אִיךְ דִיר, פַארְלִיר נִישְׁט דַיין אֱמוּנָה; הָאסְט אַלֶעס פַארְלוֹירְן אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְלִיר נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט וַויינֶען נָאךְ דִי מִלְחָמָה בַּיי דִי הֵיילִיגֶע דְרָשׁוֹת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״מִיר הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט פַארְלוֹירְן״; בְּרוּדֶער, מִיט דִי וֶוערְטֶער קֶען מֶען זִיךְ גוּט מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אֲפִילוּ מִיט דִי דוּרְכְזִיכְטִיגֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

שְׁמִירְט נִישְׁט דִי נֶעגְל. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועןְ מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אֲפִילוּ דִי דוּרְכְזִיכְטִיגֶע.

איר ווילט זיכער ערליכע דורות, איר ווילט זיכער אייערע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן, זאלט איר נישט שמירן די נעגל; נישט פון די הענט און נישט פון די פיס. עס איז א גוי'שע זאך, עס ברענגט דינים.

שטארקט אייך מיט זאגן תהלים יעדן טאג. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן צח) תהלים איז אזוי ווי א וואקער אויף וואס מען קען זיך אנלאנען.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

יעדע זאך וואס מען טוט פאר די ישיבה איז א געוואלדיגע זכות

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, ז' אדר, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

רעד אפאר ווערטער צום אייבערשטן. אויבן אין הימל איז זייער חשוב יעדעווארט וואס א איד זאגט פאר'ן אייבערשטן, אלע מלאכים זענען מקנא. בעט פאר אלעס וואס דו דארפסט, פאר אלעס וואס דרוקט דיך פריוואט; שעם זיך נישט, דערצייל אלעס.

גיי אין שול יעדן טאג דאווענען שחרית מנחה מעריב; אין דעם ליגט דיין הצלחה, דיין פרנסה, דיינע קינדער; אלעס.

איך ווייס נאכנישט וועגן פורים, אויב איך וועל אויפנעמען ביי מיר אין שטוב; איך וויל און איך ווארט זיך צו טרעפן פורים מיט מיינע תלמידים, איך פריי זיך אז דו וועסט מיר ברענגען משלוח מנות; אבער אז אלע בלייבן אין שטוב - איז נישטא קיין פלאץ.

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די בחורים מיט אדרעסן וואו זיי וועלן קענען גיין פורים און מען וועט זיי געבן צדקה פאר די ישיבה. יעדע זאך וואס דו טוסט פאר די ישיבה איז א גרויסע זכות פאר דיר און פאר דיינע דורות.

דעם שבת וועל איך נישט זיין אין וויליאמסבורג, איך פאר אוועק מיט די בחורים וואס גייען הפצה און גייען צאמנעמען צדקה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיר דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ בַּאקְן מַצּוֹת פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

הַיינְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ אִין מַצָּה בֶּעקֶערַיי, וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶעוֶוען. אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אִיר זָאלְט וִויסְן וִוי שְׁטַארְק עֶס מַאכְט אוֹיס וֶוען אִיר זֶענְט אִין בֶּעקֶערַיי.

זַייט מְחַזֵק דִי פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן קוּמֶען בַּאקְן מַצּוֹת, מֶען וֶועט אַלֶעמֶען בַּאצָאלְן, וַוייל מִיר דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ בַּאקְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן וִוי עֶס זֶעט אוֹיס דַארְף מֶען נִיסִים עֶס זָאל זַיין מַצּוֹת פַאר אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח צוּ דִי סְדָרִים, אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין - אִיז רִיכְטִיג צוּ גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן פַאר פֶּסַח, צוּ דִי סְדָרִים. אִיר וֶועט נָאךְ מַאכְן שֵׁיינֶע סְדָרִים בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט אִיר מַאכְן דִי סְדָרִים אִין שְׁטוּב, יֶעצְט אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין זֶען סְדָרִים - אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶר מַאן׳ס עֶלְטֶערְן, זִיךְ גוּט צוּקוּקְן וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן סְדָרִים אוּן וִוי זֵיי גֶעבְּן אִיבֶּער דִי אֱמוּנָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען

פֶּסַח אַלֶעס וָואס הָאט אַ הֶכְשֵׁר. עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן אַלֶע נַאשֶׁעְרַייעֶן אוּן אַלֶע קֶעיקְס, סִירִיעֶל וְכַדוֹמֶה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי יָמִים טוֹבִים מִיט שִׂמְחָה אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָׁה פוּן פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְּרוּבִּיר אוֹיס אַ וָואךְ צַייט אָן דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ, אוּן זֶע דֶער חִילוּק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פְּרוּבִּיר דוּ אַלֵיינְס אוֹיס אַ וָואךְ צַייט נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ אוּן זָאג מִיר וִוי אַזוֹי דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט זַיין? זָאג מִיר דוּ נָאךְ אַ וָואךְ צַייט נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ דֶעם סְמַארְטְפָאוֹן, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה - וִוי אַזוֹי דַיין קֶשֶׁר מִיט דִי קִינְדֶער וֶועט וֶוערְן? דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם?

אִיךְ בִּין שׁוֹין הֵייזֶעְרִיג פוּן דִיר זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. זֵיי וַוארְטְן אוֹיף דִיר, זֵיי ווִילְן הֶערְן עֶפֶּעס פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט אָבֶּער נִישְׁט בַּיי זִיךְ, דוּ בִּיסְט אַיינְגֶעטִינְקֶען אִינֶעם טֶעלֶעפָאן, מִיט סְטֶעטוּס, מִיט גֶעיִמְס וְכוּ׳.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שׁוֹין צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּאֲוועקְן, הוֹיבּ אָן לֶעבְּן, הוֹיבּ אָן לֶעבְּן עֶכְט. מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא וְעוֹד אוּן גֵיי דַאוֶונֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, וּבְעִקָּר זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, בֶּעט אִים: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר אוּן נִישְׁט צוּם טֶעלֶעפָאן? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס קוּמֶען

**יֶעצְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע הֵיילִיגֶע טֶעג און אִיךְ לִיג אִין אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ לִיג אִין דִמְיוֹן, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיין מֹחַ, הֶעלְף מִיר שׁוֹין".**

**פּוּרִים נָאכְמִיטָאג זֶעקְס אַזֵייגֶער וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה. מֶען וֶועט טַאנְצְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַ גַאנְץ יָאר דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאר צוּ אִים זִיךְ וֶוענְדְן.**

**אוֹיךְ שׁוּשַׁן פּוּרִים וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה אוּם זֶעקְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים".**

**הַלְוַאי זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, דָאס אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר און מְקַיֵים זַיין וָואס דָא שְׁטֵייט.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**יֶעצְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין זֵייעֶר הֵיילִיגֶע טֶעג, עֶס קוּמְט יֶעצְט דִי הֵיילִיגֶע פּוּרִים טֶעג, עֶס אַז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן; "קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים"** (אֶסְתֵּר ט, כז)**, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים** (שַׁבָּת פח.)**: "הַדוּר קִבְּלוּהָ בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ", מֶען אִיז יֶעצְט מְקַבֵּל נָאכְאַמָאל דִי תּוֹרָה; פַארְקֶערְט וָואס הָמָן הָאט גֶע'טַעֲנָה'עֶט** (אֶסְתֵּר ג, ח)**: "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד", זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (מְגִילָּה יג:) **וֶוען הָמָן הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דִי אִידְן הָאט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מוֹרָא גֶעהַאט, "אָמַר לֵיהּ מִסְתַּפִּינָא מֵאֱלֹקָיו", עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דִּלְמָא לֶיעֱבֵיד לִי כִּדְעָבַד בְּקַמָּאֵי", עֶר זָאל נִישְׁט טוּן מִיט מִיר אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אַלֶע**

אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט מִיט דִי אִידְן, "אָמַר לֵיהּ יֶשְׁנוֹ מִן הַמִּצְוֹת", הָאט הָמָן גֶעזָאגְט, דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דִי אִידְן זֶענֶען אַלְט פוּן טוּן מִצְוֹת; דָאס זָאגְט הָמָן, דָאס זָאגְט עֲמָלֵק; אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרֵייט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "גְּיְוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיָאֵשׁ! קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!" הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי.

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּב מִיט דַיין וַוייבּ, זַיי מְוַתֵּר, גֶעבּ נָאךְ; בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד - דַארְפְסְטוּ טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט. וֶוען בָּחוּרִים פְלֶעגְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַוֶועק שִׁיקְן, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן: "קוּם צוּרִיק מִיט אַ טַלִּית". וַוייל זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמֹּחַ וְהַמַּחְשָׁבָה אִיז נָאר אַז מֶען אִיז אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט. אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי פַארְטְרִיבְּן דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר וִויכְטִיג טָהֳרַת הַמֹּחַ וְהַמַּחְשָׁבָה.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לָאז אָפּ דִי אַלֶע מִצְוָה׳לֶעךְ וָואס דוּ טוּסְט; לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק פוּן שְׁטוּב מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז דוּ גֵייסְט טוּן חֶסֶד מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּב, הֶעלְף דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶעם שַׁבָּת זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל, עֶס אִיז אַ חִיּוּב צוּ הֶערְן דִי קְרִיאָה פוּן שַׁבַּת זָכוֹר, פוּן מְחִיַּת עֲמָלֵק. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אִין שְׁטֶעטְל, אַלֶע וָואס דַאוֶועגֶען אִין דִי שׁוּלְן וָואס מַאכְט זִיךְ מְזַמֵּן לִזְמַן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן - דַארְפְן דִי וָואךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין מִנְיָן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִנְיָן - דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ שׁוּל מִיט מִנְיָן הֶערְן דִי קְרִיאָה, עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, אוּן עֶס אִיז כְּדַאי צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ מֶען דַארְף גֵיין אַ וַוייטֶע וֶועג.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, הֱיוֹת דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה הֶעלְפְן מִיר זֵייעֶר, זֵיי גֵייעֶן פּוּרִים צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פוּן דִי וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דִי יְשִׁיבָה; אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט פוּן חֲבֵרִים, מִשְׁפָּחָה אוּן בַּאקַאנְטֶע וָואס נֶעמֶען אוֹיף גֶעלְט גֵייעֶרְס אוּן הָאבְּן אַ גֶעפִיל - זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט שִׁמְעוֹן פִּישׁ נֵרוֹ יָאִיר, וֶועסְטוּ מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן.

עֶס קוּמְט יֶעצְט פֶּסַח, מִיר דַארְפְן בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. אוֹיךְ

דַארְף אִיךְ בַּאצָאלְן חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט פַאר דִי מוֹסָד. בֶּעט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן מִיט בְּרֶענְגֶען אַדְרֶעסְן - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין פַארְוָואגְלְט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי בְּצַעַר פוּן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ אַז דָא גֵייט זַיין אַ גֶט.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, שְׁרַייבּ אִיר אַ שֵׁיינֶעם בְּרִיוו; בֶּעט אִיר, אֶפְשָׁר דָאךְ קֶען מֶען בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם לְמַעַן יוֹנְקֵי שָׁדַיִם שֶׁלֹּא חָטְאוּ, דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין פַארְוָואגְלְט.

בִּיז דֶערְוַוייל מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּנֶעם הַזְמָנָה לַדִּין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## ווילאַנג מֶען לֶעבְּט, קֶען מֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן

וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין צֶערִיסֶענֶע רֶעקְל? אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אַ צֶערִיסֶענֶע קְלֵייד; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, נִישְׁט צֶערִיסֶענֶע, וָואס טוּ אִיךְ?

לָאמִיר פְּרוּבִּירְן בַּיי יַעֲנְקְל דֶער שְׁנַיידֶער, אֶפְשָׁר אִיז עֶר נָאךְ אוֹיף, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר מִיר נָאךְ קֶענֶען פַארְנֵייעֶן מַיין רֶעקְל.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֵייט בַּיינַאכְט אִין דִי טוּנְקֶעלֶע גַאס, עֶר קוּמְט אָן צוּם שְׁטוּבּ פוּן יַעֲנְקְל שְׁנַיידֶער אוּן קְלַאפְּט. יַעֲנְקְל שְׁנַיידֶער עֶפְנְט דִי טִיר, עֶר זֶעט דֶעם צַדִיק שְׁטֵיין אוּן פְרֶעגְט: "רֶבִּי, וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן?" דֶער צַדִיק זָאגְט: "בִּיז וֶוען זֶענְט אִיר אָפְן? וֶועט אִיר נָאךְ הָאבְּן צַייט צוּ פַארְנֵייעֶן מַיין רֶעקְל?"



וִוילַאנְג דֶער לֶעכְטְ'ל בְּרֶענְט...

זָאגְט דֶער שְׁנַיידֶער: "רֶבִּי, וִוילַאנְג דֶער לֶעכְטְ'ל בְּרֶענְט נָאךְ קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן דִי צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער; גֶעבְּט מִיר דִי רֶעקְל וֶועל אִיךְ דָאס פַארְנֵייעֶן אֵיידֶער דִי לֶעכְט לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס".

דֶער צַדִיק שְׁפְּרִינְגְט אוֹיף אוּן זָאגְט: "אוֹי זָאגְט אִיר גוּט, אִיר רֶעדְט דָאךְ צוּ מִיר; דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ לִיכְט, אִיז וִוילַאנְג מֶען לֶעבְּט, וִוי

לַאנְג דִי נְשָׁמָה אִיז אִין מִיר – קֶען מֶען נָאךְ פַאֽרְרֶעכְטְן, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי".

דֶער צַדִיק קוּמְט אִין שׁוּל אוּן זָאגְט: "מוֹרַי וְרַבּוֹתַי טַייעֶרֶע אִידְן, דֶער שְׁנַיידֶער זָאגְט ׳וִוי לַאנְג דֶער לֶעכְטְ׳ל בְּרֶענְט נָאךְ, פַארְרֶעכְט עֶר דִי צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער׳, לָאמִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים וְוילַאנְג מִיר לֶעבְּן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגְן אִינְאֵיינֶעם: "אוֹי טַאטֶע, אוֹי פָּאטֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".